Opłata p[o]cztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 166 | Łódź, Niedziela, 19 lipca 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג ה׳ מנחם אב תרצ״א | № 166

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.

# די דייטשע מיניסטארן אין פאריז

## פאליטישע און פינאנציעלע אונטערהאנדלונגען

### אויפ׳ן וועג קיין פאריז

פאריז, 18 (טו) דער דייטשער באטשאפטער אין פאריז פאן העש איז ארויסגעפאהרען צו דער בעלגישער גרעניץ, כדי צו בעגעגענען די דייטשע מיניסטארען ברינינג און קורציוס, וועלכע פאהרען קיין פאריז.

אויפ׳ן וועג וועט פאן העש בעריכטען וועגען דער איצטיגער סיטואציע.

דער אמעריקאנישער פינאנץ־מיניסטער מעלאן איז פון ניצא געקומען קיין פאריז, כדי אנטייל צו נעמען אין די אונטערהאנדלונגען.

### אין פאריז

פאריז, 18 (טו) היינט 2 א זייגער זענען אנגעקומען קיין פאריז די דייטשע מיניסטארען. אויפ׳ן וואקזאל האבען ערווארט דער פרעמיער לאוואל, אויסערן־מיניסטער בריאן און פראנסוא פאנסע, ס׳זענען אויך אנוועזענד געווען אלע מיטגלידער פון דער דייטשער באטשאפט.

3 א זייגער האבען זיך אין פרעזידיום פון מיניסטארען־ראט פערזאמעלט ברינינג, קורציוס, לאוואל, בריאן, פינאנץ־מיניסטער פלאנצען, פאנסע.

קאנצלער ברינינג האט ערקלערט די צייטונגס פארשטעהער, אז אין די פאריזער אונטערהאנדלונגען האנדעלט זיך וועגען ווירטשאפטליכע און פינאנץ־פראבלעמען, וועלכע זענען נוגע נישט נאר דייטשלאנד נאר גאנץ איירָאפא. אלע מלוכות זענען איצט געצוואונגען עהרליך און מיט צוטרוי צוזאמענצואַרבייטען, כדי צו געפינען די מיטלען אויף צו בעקעמפען דעם קריזיס.

די דייטשע רעגירונג פערזיכערט, אז זי האט דעם אויפריכטיגען ווילען צוזאמענצואַרבייטען מיט פראנקרייך אומעטום און צו זיכערען דעם שלום אין איירָאפא.

### אויף א גוטען וועג

פאריז, 18 (טו) די אונטערהאנדלונגען מיט די דייטשע מיניסטארען האבען געדויערט ביז 8 אין אָוועגד. נאכ׳ן פערענדיגען די קאנפערענץ איז פערעפענטליכט געווארען א קאמוניקאט, וועלכער ווערט געהאלטען אין אן׳אפטימיסטישען טאן. די פראנצויזישע דעלעגאטען האבען איבערגעגעבען דער דייטשער דעלעגאציע די בעשלוסען פון דער פראנצויזישער רעגירונג.

די ווייטערדיגע אונטערהאנדלונגען וועלען פאר קומען זונטאג באכמיטאג. זונטאג 10 א זייגער אינדערפריה וועט פארקומען א קאנפערענץ פון די פערטרעטער פון אלע מלוכות, וועלכע וועלען אנטיילנעמען אין דער לאנדאנער קאנפערענץ און וועלכע געפינען זיך איצט אין פאריז.

### אויסלענדישער פאס 100 מארק

בערלין, 18 (טו) היינט איז פערעפענטליכט געווארען א פעראָרדנונג, אז אן׳אויסלענדישער פאס קאסט 100 רייכסמארק.

### נישטא קיין קאנטראל איבער׳ן דייטשען בודזשעט

בערלין, 18 (טו) פון אן׳אפיציעלער זייט לייקענט מען די ידיעות פון פאריז, אז די פראנצויזישע רעגירונג זאל פערלאנגען א קאנטראלע איבערן בודזשעט פון דער דייטשער מלוכה.

מ׳לייקענט אויך די קלאנגען וועגען א קאנטראל איבער דער דייטשער ווירטשאפט.

### מען מוז נעהמען דייטשע מארקען אין רוסלאנד

מאסקווע, 18 (טו) צוליב דעם וואס פערשידענע מלוכה׳שע ארגאניזאציעס האבען זיך די לעצטע טעג אפגעזאגט אנצונעמען דייטשע מארק, האט דער פינאנץ־קאמיסאריאט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג, אז אלע רוסישע פריוואטע און מלוכה׳שע אונטערנעהמונגען מוזען אננעמען די דייטשע מארקען אלס וואלוטע צום אפיציעלען קורס, ווער

ט׳וועט זיך אפזאגען אויסצופיהרען די פעראָרדנונג וועט שטרענג בעשטראפט ווערען.

### דענישע באנקען פערהאלטען דייטשע דעפאזיטען

קאפענהאגען, 18 (טו) אלע דענישע באנקען אונטער דער אנפיהרונג פון דער דענישער נאציאנאל־באנק האבען בעשלאסען צו פערהאלטען אלע דייטשע דעפאזיטען, אזוי לאנג ביז ס׳וועלען בלייבען אין קראפט די דייטשע נויט־פעראָרדנונגען.

### היינט עפענט זיך די קאנפערענץ פון די מלוכות אין לאנדאן

ניו־יארק, 18 (ספ. טעל) דער פרעזידענט הובער האט בעפולמעכטיגט דעם אויסערן־מיניסטער סטימסאן, אז ער זאל רעפרעזענטירען אמעריקא אויף דער לאנדאנער קאנפערענץ.

לאנדאן, 18 (ספ. טעל.) אין דער ענגלישער דעלעגאציע צו דער לאנדאנער קאנפערענץ גייען אריין: מאקדאנאלד, הענדערסאן, און סנאודען. מאקדאנאלד וועט ווארשיינליך זיין פארזיצער פון דער קאנפערענץ.

ברינינג און קורציוס וועלען ערשט קומען קיין לאנדאן מאנטאג. די קאנפערענץ וועט זיך עפענען מאנטאג 6 אין אָוונד פארמיטאג זענען פאנאנדערגעשיקט געווארען די איינלאדונגען אין וועלכע ס׳ווערט געזאגט, אז די קאנפערענץ האט דעם צוועק אנצונעמען מיטלען געגען קריזיס אין דייטשלאנד און אויך געגען דעם, אז דער קריזיס זאל זיך אויסשפרייטען אויף אנדערע לענדער.

די מארגענדיגע קאנפערענץ פון די עקספערטען וועט פארקומען אין דער געביידע פון פינאנץ־מיניסטעריום.

### דייטשע בערזע ווייטער געשלאסען

בערלין, 18 (טו) די בערזען־פערוואלטונג האט בעשלאסען אויף ווייטער צו האלטען געשלאסען די געלד־בערזע אין דייטשלאנד

נאך לאנגע שווערע ליידען איז נעכטען שבת קודש געשטארבען אין עלטער פון 75 יאהר מיין ליבער מאן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער פאטער, שוויגערפאטער, גרויספאטער, ברודער, שוואגער און אנקל

נ״ע יצחק בן ר׳ צבי ז״ל לעסקי

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 19־טען יולי 1931, 12 א זייגער בייטאג פון טויער־הויז פולנאצנא 9, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

נאך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען שבת קודש געשטארבען אין עלטער פון 55 יאהר מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער, שוועסטער, שוועגערין און טאנטע

ב״ע

גיטעל אשת ר׳ נתן דוד נ״י, בת ר׳ ישראל שענוואלד הנקרא ישראלקע סטאשעווער מיראנץ

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, ה׳ מנחם אב פרשת ואתחנן ד. 19 יולי, 1 א זייגער בייטאג פון טרויער הויז 11 ליסטאפאד (קאנסטאנטינער) 49, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

יודישער הילפס־פעראיין „תומכי אורחים“ פאמארסקא 18

היינט, זונטאג, דעם 19 יולי 1931 ווערט איינגעארדענט דורך דעם פעראיין „תומכי אורחים“

•• פארק •• „העלענאוו“

• א גרויסער גארטען־פעסט •

מיט אן׳איבעראשענד רייך פראגראם, וואס לאדז האט נאך נישט בעוויזען צו זעהען.

בילעטען צום פרייז פון —.1 זל. און פאר שילער און קינדער 50 גר. איז צו בעקומען א גאנצען טאג ביי דער קאסע פון העלענאוו.

אונטערשטיצט — די אומזיסטע קוך! —

אונטערשטיצט — די אומזיסטע קוך! —

קענער און פיינשמעקער טרינקען די אונאיבער־שטייגבארע ביר מיט גוטקייט וועלט

Tow. Akc. Sukc. K. ANSTADTA
w Łodzi, Pomorska 34/36

„Jasne Wyborowe“
Monachijskie
Bawarskie
Ciemne słodkie

